**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און פרעזידענט ארמסטראנג אנאנסירן א קורץ-טערמיניגע פארלענגערונג פון די יעצטיגע געימינג אפמאך צווישן ניו יארק סטעיט און דעם סענעקא אינדיאנער שבט אין די צייט וואס פארהאנדלונגען זענען פאר אויף א נייע 20-יעריגע געימינג אפמאך**

***בילד פון די הייניגע באגעגניש און אונטערשריפט פון די פארלענגערונג זענען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול און סענעקא אינדיאנער שבט פרעזידענט, ריקי ל. ארמסטראנג סיניאר, האבן זיך היינט געטראפן אין באפעלאו און אונטערגעשריבן א פארלענגערונג פון די יעצטיגע געימינג אפמאך צווישן ניו יארק סטעיט און דעם סענעקא אינדיאנער שבט וואס לויפט אפ אום דעצעמבער 9, 2023. די פארלענגערונג לויפט ביז מערץ 31, 2024, און עס וועט זיך אויטאמאטיש באנייען חוץ אויב איינע פון די צדדים באשלוסט עס נישט צו באנייען אדער אויב א נייע געימינג אפמאך ווערט געשלאסן. די תנאים אין די אפמאך בלייבן אומגעענדערט פון בעפאר, אוןביידע זייטן וועלן זיך טרעפן נאכאמאל אין די קומענדיגע וואכן צו פארזעצן די פארהאנדלונגען פאר א לאנג-טערמיניגע אפמאך.

"היינט האב איך זיך צוריקגעקערט צו באפעלאו זיך צו טרעפן מיט פרעזידענט ארמסטראנג און צו פארזיכערן א פארלענגערונג פון די יעצטיגע געימינג אפמאך צו זיכער מאכן אז די סטעיט און סענעקא שבט קענען פארזעצן צו ארבעטן צו אנקומען צו א לאנג-טערמיניגע לייזונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיטן אונטערשרייבן די פארלאנגערונג איז דא א וויכטיגע שוואונג פאר פארהאנדלונגען ארום די אפמאך. איך בלייב פארפליכטעט צו ארבעטן מיט פרעזידענט ארמסטראנג און דעם סענעקא שבט צו אנקומען צו אן עמטליכע אפמאך וואס איז יושר'דיג צו אלע צדדים, און איך קוק ארויס צו האבן מער שמועסן אין די קומענדיגע וואכן און חודשים אזוי ווי מיר זענען פאר זיך צו טרעפן."

**סענעקא אינדיאנער שבט פרעזידענט ריקי ל. ארמסטראנג סיניאר האט געזאגט,** "אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע וואכן האבן אונזערע שמועסן מיט ניו יארק סטעיט – אריינרעכענענדיג באגעגענישן פנים אל פנים מיט גאווערנער האקול – זיך צענטרירט טיילווייז ארום די מעגליכע פארלענגערונג פון אונזער יעצטיגע אפמאך, באזונדערס אזוי ווי די אפלויף דאטום, דעצעמבער 9, דערנענטערט זיך נאך מער. אלס רעזולטאט פון די שמועסן צווישן אונזערע רעגירונגען, האט דער סענעקא שבט און ניו יארק סטעיט איינגעשטימט צו א קורץ-טערמיניגע פארלענגערונג פון אונזער יעצטיגע אפמאך. פונקט אזוי וויכטיג — האבן מיר צוגעשטימט צו פארזעצן פארהאנדלונגען אויף א נייע אפמאך. די קורץ-טערמיניגע פארלענגערונג וועט גיבן נאך צייט פאר אונזערע רעגירונגען צו פארענדיגן די אפמאך פארהאנדלונגען און צו ארויסבאקומען אלע נויטיגע באשטעטיגונגען אין איינקלאנג מיט דעם סענעקא שבט, ניו יארק סטעיט און פעדעראלער געזעץ. אונטער די פארלענגערונג וועלן אונזערע דריי געימינג לאקאציעס פארזעצן צו אפן בלייבן אן א שטער, אוועקנעמנדיג די זארגן איבער פאטענציאלע השפעה אויף אונזערע טויזנטע קאסינא ארבייטער וואס איז געווען א פריאריטעט פאר דעם שבט. אין אונזערע שמועסן, האט גאווערנער האקול אויסגעדרוקט א באגער צו איבערפרישן די באציאונגען צווישן אונזערע רעגירונגען. קיין שום אנגעלעגנהייט איז נישט וויכטיגער פאר די עקאנאמיעס פון מערב ניו יארק און דעם סענעקא שבט ווי א

יושר'דיגע אפמאך. צענדליגע טויזנטע מענטשן, פאמיליעס ואן ביזנעסער אריבער מערב ניו יארק זענען אנגוואנדן אויף די אפמאך וואס פארזיכערט וויכטיגע דזשאבס, ביזנעס געלעגנהייטן און עקאנאמישע בענעפיטן וואס דער סענעקא שבט ברענג פאר די מערב ניו יארקע עקאנאמיע. די קורץ-טערמיניגע פארלענגערונג פון אונזער אפמאך איז א וויכטיגע טריט, אבער אפילו מער וויכטיגע ארבעט בלייבט נאך איבער. דער סענעקא שבט פארבלייבט פארפליכטעט צו פארהאנדלען אנשטענדיגערהייט און דירעקט מיט ניו יארק סטעיט אויף אן אפמאך וואס שטעלט אוועק א יושר'דיגע און גערעכטע עקאנאמישע און קאנקורירנדע אטמאספערע פאר אונזערע געימינג אפעראציעס און פאר די פילע מענטשן וועלכע זענען אנגעוואנדן אין זיי."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן